# ישׂראל שטייט געהויבן

וואָס זעען מײַנע אויגן
אין חושך פֿון דער נאַכט
ישׂראל שטייט געהויבן
אין זײַן גאַנצן פּראַכט.

בלויזע הענט
געגן נעגל פֿון שטאָל
קעמפּט ער מיטן לייב
ווי זײַן ברודער דניאל אַמאָל.

דער קאַמף איז צעפּלאַקערט
שטראָמט בלוט פֿון ביידע זײַטן
ישׂראל שטייט געהויבן
ער זעט זײַן זיג פֿון ווײַטן.

זײַן קול דונערט
איבער דער וועלט
איך וועל לעבן ווי אַ מענטש
ניט אין באַראַקן
אין מײַן לאַנד, אין מײַן אייגן געצעלט.

איך וועל זייען מײַנע פֿעלדער
און קיניגן אין מײַן שטוב
ווען לייב
וועט לאַנג שוין שלאָפֿן אין זײַן גרוב.

אויפֿן העכסטן באַרג פֿון ציון
וועל איך בויען גאָטס הויז
מעכטיק וועל איך ווערן צוריק
און גרויס.

מײַנע קינדער
וואָס וועלן זיך נאָך מערן
וועלן מיטן גאַנצן האַרצן
צוריק צו גאָט זיך קערן.

זיי וועלן דינען די געזעצן
פֿון דער תּורה
רופֿט אויס ישׂראל
שטייענדיק געהויבן, אָן שום מורא.

ליכטיק זײַנע אויגן
ווי די ליכט פֿון מאָרגן-שטערן
ישׂראל שווימט פֿאָרויס
אין שטראָם פֿון זײַנע טרערן.

ער הערט פֿון לייב דאָס ברומען
אין האַרץ גיט ווידער אַ ריס
דערפֿאַר ווען ניצחון וועט קומען
וועט עס פֿאַר איר זײַן גאָר זיס.